# לידער

**מרדכי ליפשיץ**

## אין מאלינע

גרויסער טאָג... און אין מאלינע
פינסטער, קאלט און נאס.
קוקט א יינגעלע מיט קנאה
דורך א שפאלט ארויס אין גאס.

זיצט א מאמע א פארוויינטע,
טרייסלט זיך אין קעלט.
פאלן ווערטער ניט געמיינטע,
צו דעם האר פון וועלט...

מאמיג, זאָג מיר, וואָס איז דאָרטן
איבער אונדזער וואנט.
זע, דערציייל מיר פון א גאָרטן,
פון א זונענלאנד.

מענטשן ריידן — נאָנט פון דאנען
וואקסט א בוים און גרינט,
קינדער פרייען זיך און שפאנען
פרייע, ווי דער ווינט.

און זיי זעען זונען פאלן,
לויפן זיי נאָך זון,
שטיפן, שפילן מיט די שטראלן
קוועלט מיט זיי די זון...

הימלען זיינען דאָרטן העלע,
פייגלען — אָן א שיעור.
און ביי אונדז — נאָר לאטעס געלע
קוקן קאלט אויף מיר...

ווערט דער יינגעלע אנטשוויגן
און זיין פנים שווארץ.
וויינט די מאמע מיט א ניגון,
דריקט אים צו צום הארץ.

בלינד דער טאָג איז אין מאלינע,
בליט דער שימל ווילד און נאס.
קיקט א יינגעלע מיט שנאה
דורך א שפאלט ארויס אין גאס.

## א גאסט

ווען ס'האָט דער סאָד דעם ווינט מיט וויאנע ליפן איינגעזאפט,
און גראָזן זיינען שטום געשטאנען — מידע טרעגער,
האָט עמיצער אין הארץ מיר אָנגעקלאפט:
אָ! לאָז אריין, איך האָב ניט קיין געלעגער.

ווער ביסטו, ווער? — האָב איך צעדריקט מיין שווייגן,
כ'וועל עפענען, נאָר ווייסן כ'וויל פאר וועמען.
„כ'בין גליק פון פרעמדקייט, קענסט האָבן עס פאר אייגן,
וויל אויב ניט דו, וועט מיך א צווייטער נעמען"...

— עס בענקט מיין הארץ, וועסט אָפרו דאָרט געפינען,
איז קום אריין, וועסט זיין מיין ליבסטער גאסט.
און בלייב ביי מיר, פון שקיעה ביז באגינען,
און גוט וועט זיין מיר מיט דיין מילדער לאסט.

אויף מיין שוועל וועפן וועט די פרעמד און צערן.
מיר דארפן ביידע זיך, ווי טאָג די העלע שיין.
כ'האָב לאנג געוואכט אין טרוימען און באגערן,
איז וועט מיין דאך א ברכה פאר אונדז זיין.

וועסט זיין א יאָר, א וואָך און אפשר טעג נאָר,
און ס'וועט פון אלץ מיר בלייבן קוים דיין בליק.
און וועסט אוועק, וועסטו מיין זיין צעשטערן.
נאָר איצטער קום, ווייל ס'רוט אין דיר מיין גליק.

חודש=זשורנאל „אין גאנג" - רוים, 1947, נומער: 8-9-10
ארויסגעגעבן פון „יידישע לאנדסמאנשאפטן אין איטאליע"